# עשרים באב ב

א. בשעת דער טאַטע (בעל ההילולא) איז געווען ביי הרה"ג וכו' ר' חיים בריסקער צו נעמען ביי אים „סמיכה" אויף רבנות, האָט אים ר' חיים שטאַרק פאַרהערט. און נוסף אויף די שאלות וואָס ר' חיים האָט אים אַליין געפרעגט, האָט ער אים אויך מציע געווען ענטפערן אויף אייניגע שאלות וועלכע זיינען דאַן פאָרגעבראַכט געוואָרן פאַר ר' חיים'ען.

צווישן אַנדערע איז אויך געווען אַ שאלה:

אַ איד האָט געהאַט אַ סוכה אין הויף צוזאַמען מיט די אַנדערע אידישע שכנים, און מען האָט פאַרגעסן מאַכן אַן עירוב־חצירות. איז ער געקומען פרעגן, וואָס זאָל מען טאָן שבת?

ר' חיים האָט זיך געווענדעט צום טאַטן אַז ער זאָל פסק'נען די שאלה, און דער טאַטע האָט באַלד געענטפערט אַז די סוכה אַליין איז מערב[1].

ב. אַלע ענינים אין נגלה דתורה זיינען ווי ענינם אין פנימיות התורה — מוז מען דעריבער זאָגן, אַז די שייכות צווישן סוכה און עירוב איז פאַראַן אויך בפנימיות הענינים.

וי"ל כללות הביאור אין דעם:

דער חילוק צווישן איין אידן און אַ צווייטן (ובמילא אויך דער חילוק רשויות) איז בלויז מצד הגוף, און אויך מצד הארת הנשמה המלובשת בגוף, בחי' נר"ן. אָבער מצד עצם הנשמה ואפילו מצד די מקיפים פון נשמה, זיינען „כל ישראל אחים ממש" און „אב אחד לכולנה"[2].

און וויבאַלד אַז סוכה איז בחי' מקיף[3], איז דעריבער סוכה מערב, זי מישט אויס און פאַרבינדט איין אידן מיטן צווייטן. וע"ד מאמר רז"ל[4] „כל ישראל ראויים לישב בסוכה אחת", ווייל מצד דעם מקיף (פון סוכה) זיינען אַלע אידן אחד.

ג. דער ביאור איז אָבער ניט מספיק: די התאחדות וואָס ווערט מצד דעם גילוי המקיף, קומט דאָך, לכאורה, דערפון וואָס דורכן גילוי בחי' המקיף פאַרלירט זיך דער ציור פון דעם גוף (און פון די הארת הנשמה המלובשת בגוף)[5], מיט וועלכן איין איד איז אָפגעטיילט פון צווייטן.

[און ווי גערעדט אַמאָל[6] אין דעם

---

1) ראה שו"ע אדה"ז או"ח סש"ע ס"ו: „אנשי החצר שהיו אוכלים בבית א' בשבת . . א"צ עירוב, מפני שהם כאנשי בית א'". יתרה מזה בסוכה שהיא קבע וביתו עראי (סוכה כח, ב).

2) תניא פרק לב. וראה רשימות אאמו"ר לתניא שם (נעתק בהערה הבאה). לקו"ש ח"ד ע' 1059 בהערה.

3) להעיר מרשימות אאמו"ר שם (ע' יג), ש„בנפש ורוח שהם מבחי' מל' וז"א, יש חילוקי מדריגות בנפשות ורוחות . . אך מי יודע גדולתן בחסדים ומעלתן בגבורות בשרשן ומקורן באלקים חיים דבינה" — והרי סוכה היא בחי' מקיף דבינה (זח"ג רנה, ב. סדור רלו, א. ועוד).

4) סוכה כז, ב.

5) להעיר מתניא שם „שגופו נמאס ומתועב אצלו".

6) נדפס בלקו"ש ח"א ע' 68. וראה עד"ז בלקו"ד ח"ב (רו, א ואילך) בביאור הכתוב (מ"א ח, סו) וילכו לאהליהם — בארוכה. ע"ש.